Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1937

1

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

1

ווי ס'פירנ לײַט זיכ פאר א ווײַטנ וועג,
האָט אוראָמ־הערש אינ שטוב זיכ צוגעזעצט א ווײַלע,
באקוקט די ווענט, ארויסגעפײַפט א ביסל שרעק
אונ אפ אנ עמעס זיכ גענומענ אײַלנ.

געלײמטע זיבנ ווערסט, פארזונקענע אינ אומעט,
זיכ ציִענ טויב אונ שטויביק צומ וואָקזאל;
פארוואָרפנ אפנ קארק האָט אוראָמ־הערש דעמ קלומעק,
אונ אינ די הענט — דאָס קוישל ברויט אונ זאלצ.

אונ אויסמעסנ דעמ וועג צופוס האָט ער געלאָזט זיכ,
געלאָזט זיכ סילעקנ ווי קלאפטער יעדנ טראָט;
די שטיבעלעכ ווי בוידנ — אלטע אונ פארלאָזטע.
האָט ער צומ לעצטנ מאָל א שילט געטאָנ די שטאָט,

אז אויסרײַסן פֿונ אָרט זאָל זיך א יעדער סטויפּ
אונ אויך צופּוס — דער רועך ווײיסט וווהינ — ערגעצ אוועקגײינ.
עס האָבנ זיך פֿונ דר'ערד געטאָנ צו אימ א הויב
די פֿערציק יאָר זײַנע די אָפּגעשונדענע אפּ וועגנ.

האָט ער מיט קאס אונ גרימצאָרנ נאָך אײַליקער געשפּאנט,
געזידלט זיך דעמ גאנצנ וועג מיט פֿײַער:
— א גאנצע שטאָט געפֿירט אפּ לײבנ צו דער באנ,
נ'פֿאר זיך אלײנ האָט קײנ פֿארשיווע קליאטשע ניט געסטײַעט. —

אונטער די טריט האָט אימ געקוויטשעט פֿרישע פּאשע,
מיט זיבנ קוילעס האָט זי אימ גערופֿנ אפּ צוריק:
— אָט איז די היימ, די שטאל, אונ דער פֿידאשעק,
דער פֿערדנ-כראָמק, וואָס האָט דעמ זשאָלעב יאָרנלאנג געוויגט...—

געצויגנ האָט דער קלומעק אימ די אקסל צו דער ערד,
דאָס קײשל עסנ ניט ארויסגעלאָזט האָט פֿונ די הענט ער;
ס'האָט א שינעל אנ אלטער נאָכגעשלעפּט זיך שווער
מיט פּאָלעס אויסגעגעסענע אונ דורכגעברענטע.

ווי א סאָלדאט פֿונ א פֿארזאמטנ אורלויב אויסגעזונ האָט ער,
וואָס גײט די שטראָפּ זײַנע באקומענ ווי ס'געהערט אימ;
געגאנ, ווי אפּ א בארג, אונ אלע ווײַל געטאָנ א קלער:
— באדארפֿט געווענ זיך נעמענ דורך די גערטנער... —

עס איז געווענ א גאָלדענער פֿארטאָג,
געלײגט זיך ווי א רויטע שאל ארומ דעמ האלדז אימ;

דאָס פּאָנעם איז אין הוילֿע פֿלֿיאמען אָנגעטאָן,
די פֿלֿיאמען — אָנגעצונדן מוירעדיק און גלֿאנציק.

אזוי איז אווראָם-הערש געגאנגען אין קאיאָר
דער אומבאוווּסטער בלֿויער ווײַס אנטקעגן;
צו זײַנע פֿערציק שווערע באלֿעגאָלֿעדיקע יאָר
האָט ער זיך מיט זײַן היים צום לֿעצטן מאָלֿ געזעגנט.

נ׳דורך זיבן ווערסט געלֿיימטן וועג
האָט ער פֿארלֿאָזט זײַן לֿײַבלֿעכע געבורט־שטאָט;
פֿון שלֿאָף האָבן קאָסאָקע שטיבלֿעך זיך געוועקט,
און ער האָט גייענדיק דעם גאנצן וועג געבורטשעט:

— עס גייט דיר נאָך א יעדער בוים דעם גאנצן וועג,
א יעדע קרענעצע, וואָס האָסט בא איר די פֿערד געפּויעט;
אז מיט א זיסן סקריפּ אזא זיך שטרעקט
צו דיר איצט ווי א טיר און ווי א טויער,

וואָס מ׳האָט דיר דאָרטן דורכגיין קיינמאָלֿ ניט געטרויט
א קוק טאָן נאָענט קיינמאָלֿ ניט פֿארגינט דיר;
איצט — מיט די ביינערדיקע פֿלֿיגלֿ, אָן דער הויט
פֿון אומעטום זיך יאָגט נאָך דיר די אלֿטע ווינט־מיל —

און דאָ און דאָרט — איז א געיעג און א געטריפּ!
מיט ווירערקאָלֿ פֿארלֿויפֿט דעם וועג א יעדער ווינטלֿ,
און יעדער בערגעלֿע און יעדער ריוו,
און יעדער ציילֿעם פֿונעם צווינטער, —

אָט פונקט זיי וואָלטן וויסן, אז צום לעצטן מאָל
דעם וועג גייט אוראָם־הערש אצינד פארביי דאָ —
און עפּעס אָנזאָגן באדארף נאָך יעדער טאָל,
און עפּעס אויספרעגן באדארף נאָך יעדער ביידל...

נאָר ס'האָט א פור פון שטאָט אפ אים געטאָן א לאָז זיך,
און אזא היימיש קאָל: — וווהין? — האָט ער דערהערט;
ס'האָט אוראָם־הערש אין קאָל דערקענט דעם פּאָ:פּענדיקן זאָזל.
דעם קאָפּ ניט אויסגעדרייט, נאָר אָפּגעשטעלט די פערד

האָט זאָזל אין דער וויַט זיך איַנגעזויפּט צעטראָגן
און מיט א האלבער ליפּ א ווונק געטאָן דערביי: —
וואָס לויפסטו, אוראָם־הערש? — נעם, קריך אריַין אין וואָגן,
די זעק גיב נאָר א רוק א ביסל אין דער זיַיט!

האָט אוראָם־הערש ארופגעכאפּט זיך אפן וואָגן,
אין מויל מיט קאס אריַינגעלייגט א שטרוי.
דער וועג האָט זיך גענומען אָפּוויקלען און יאָגן,
און ווי ס'פארשווינדט זיַין היים, האָט אוראָם־הערש געקוקט אזוי,

אז ס'האָט א טרער געשטעלט זיך אין די אויגן,
א קרעכץ פארייזנעט האָט בא אים אין האלדז.
האָט ער צו זיך דעם קלומעק פעסטער צוגעצויגן,
דאָס קוישל עסן, דעם ארום און אלץ —

און זיך דערמאָנט, אז אן ארטעל א גאנצער ווארט
אפ אים. ער ווארט פון לאנג שוין באם וואָקזאל דאָרט;

און אז דער צוג גייט דורכ האלב צוויי באנאכט,
אז מער ווי א מ׳נוט ט׳ער באמ וואָקזאל זיכ ניט פארהאלטנ.

האָט ער אפ זאָזלענ אויגנ אויסגעשטעלט ווי גלעזלעכ בראָנפנ:
— וואָס פירסטו, זאָזל, זעק? — האָט ער דערלאנגט א האק.
נאָר זאָזל האָט א טרונק געטאָנ און רויק אויסגעפּאָנפעט:
— סע מאכט ניט אויס קיינ איבעריקער זאק! —

און אָנגעקומענ איז מענ צום וואָקזאל,
זיכ אויסגעזעצט אפ דר׳ערד, אפ קלומקעס צוגעשפּארט זיכ;
ס׳האָט איינער בא דעמ אנדערנ באטאפּט דעמ זאק,
געקרעכצט און צוגעווּנטשעט מיטנ גאנצנ הארצנ.

נאָר א געשריי און א געראש איז נאָכ געוואָרנ, איידער
דער צוג ט׳באוויזנ אופלייכטנ דעמ וועג;
און אופגעכאפּט האָט זיכ אינ שרעק די גאנצע איידע,
ווי אפ א נאכטיקנ געשלעג.

א פלי׳ געגעבנ האָבנ פעק און אלטע זעלנערישע קעסטלעכ,
און טאָרבעס פעדערנ, וואטניקעס פול מיט שטויב;
גענומענ דעמ וואגאָנ זיי האָבנ ווי א פעסטונג,
און איינער האָט דעמ אנדערנ פארלישעט און פארטויבט.

פארפלאָנטערט איינער ט׳זיכ דעמ צווייטנ אינ די פיס,
און ווער אפ טרעפּ זאָנ אפ פּאָרענטשעס צוגעקלעפּט זיכ האָט דאָרט;
און אינ געדראנג האָט זיי דער צוג דערלאנגט א ריס,
ווי שטאמענ פונ דער ערד, איניינעמ מיט דער בלאָטע...

א פײַפ האָט זיך פֿארמאָסטן ווי א שווערד. א סאַפּ און — אָפּ.
א וואָרפ געטאָן מ'האָט זיך צוריק צו אָפּגעפּלאָסענע ארומען,
אזוי ווי איבערגעלאָזט עמעצער וואָלט דאָרט דעם קאָפּ,
און עמעצער — דאָס הארץ און עמעצער — דעם קלומעק...

נאָר אוראָם־הערש ז'געשטאנען און געצויגן א ציגײַער
און פײַערלעך פונווײַטן דורכגעלאָזט פארבײַ;
דעם רויך דער נאכט ארויסגעלאָזט צושטײַער
נ'דעם ווינט געגעבן אָפּטראָגן א שפּײַ.